דרור אבנד-דוד



**'פֿאַראַכטעט מײַן פֿאָלק'**
**אַ פֿאַרגלײַך פֿון איבערזעצונגען פֿון**
***דער סוחר פֿון װענעציע***
**אויף דײַטש, העברעיִש, און ייִדיש**

**אַ רעזומע**

אין מײַן דיסערטאַציע פֿאַרגלײַך איך איבערזעצונגען פֿון שעקספּירס *דער סוחר פֿון װענעציע* אויף דרײַ שפּראַכן: דײַטש, העברעיִש, און ייִדיש. איך האָב אויסגעקליבן דאָס װערק, *דער סוחר פֿון װענעציע* פֿאַר מײַן פּראָיעקט װײַל די איבערזעצונגען פֿון דער פּיעסע זײַנען באַזונדערש דעמאָנטראַטיװ לגבי דעם פּרוּװ צו שאַפֿן נאַציאָנאַלע (מאָדערנע) העברעיִשע און ייִדישע ליטעראַטורן דורך איבערזעצונגען פֿון קאַנאָנישע עראָפּעיִשע טעקסטן. איך פֿאָרש די היסטאָרישע, פּאָליטישע, און לינגוויסטישע פֿאַרבינדונגען צווישן דײַטשישע און ייִדישע איבערזעצונגען, װי אויך צווישן דײַטשישע און העברעיִשע איבערזעצונגען. אַזעלכע פֿאַרבינדונגען נעמען אין זיך איבערזעצונגען װאָס ניצן אויס דײַטשישע איבערזעצונגען װי מקור טעקסטן, דאָס אַרײַנקלאַפּן אַריבערגעטראָגענע אויסדרוקן פֿון דעם דײַטשישן מקור, די איבערחזרונג פֿון באַשלוסן װאָס מען האָט אָנגענומען אין דײַטשישע איבערזעצונגען פֿון דער פּיעסע, און די אַדאַפּטירונג פֿון דײַטשישער טראַדיציע װאָס האַלט דעם *סוחר פֿון װענעציע* װי אַ װיכטיקן קאָמענטאַר װעגן די באַציונגען צווישן ייִדן און ניט-ייִדן. דאָס פּירהונדערט-יאָריקע געשטאַלט פֿון שײַלאָקן, װעמען די לעצטע צוויי־הונדערט יאָר האָבן העברעיִשע און ייִדישע איבערזעצערס, קריטיקערס, לייענערס, און צושויערס פּרובירט צו באַרעכטיקן, פֿאַרריכטן, לעגיטימירן, זיך קעגנשטעלן, און חרובֿ מאַכן, איז לסוף געוואָרן אַ װיכטיקער טייל פֿון ייִדישער שפּראַך, ליטעראַטור, קולטור, און אידענטיטעט. איך פֿאַרנעם זיך מיט פֿאַרשידענע אופֿנים אין װעלכע שײַלאָקס געשטאַלט האָט ניט אָפּגעלאָזט העברעיִשן און ייִדישן טעאַטער, קונסט און ליטעראַטור װי אַן ענערגישער מעטאַפֿאָר פֿון די באַציונגען צווישן ייִדן און ניט-ייִדן אין אַ דיסקוסיע װאָס ציִט זיך װײַטער פֿון דער בינע און באַרינגלט ציוניזם און ייִדישע תּפֿוצות, דעם ישׂראלדיקן - פּאַלעסטינער סיכסוך, די קראַוון-הײַטס מהומות, און סתּירותדיקע ייִדישע היסטאָריעגראַפֿיעס.

דרור אבנד-דוד

מײַן דיסערטאַציע, דערפֿאַר, באַטראַכט איבערזעצונג ווי אַ מיטל פֿאַר דער שאַפֿונג פֿון אַ נאַציאָנאַלן מיטאָס, ווי אויך פֿאַר די דיקאָנסטרוקציע פֿון אַזאַ מיטאָס. די איבערגעזעצטע פּיעסע טראָגט מיט זיך די געשיכטע פֿון איר אייגנער איבערזעצונג און אויפֿנעם, און ווערט אַ ווערטפֿולער טײל פֿון דער גאַסטגעבערינדיקער ליטעראַטור. אין דעם דאָזיקן פֿאַל, שטעלט די שטודיע פֿון איבערזעצונגען פֿון שעקספּירס *דער סוחר פֿון װענעציע* אויף דײַטש, העברעיִש, און ייִדיש אַ פֿעלנדיקע פֿאַרקניפּונג צווישן צוויי איבערשפּאַרנדיקע ייִדישע סטערעאָטיפּן וואָס באַווירקן הײַנטיקע אימאַזשן פֿון ייִדישן אידענטיטעט, נאַציאָנאַליטעט, און קולטור: איינער, פֿון אַ פֿאַרפֿאָלגענעם, באַדריקטם אונטעראָרדענער, און דער צווייטער, פֿון אַן אומבאַרעמהאַרציקן, שטורמישן אָנקלאָגער, וואָס האַלט אָן זײַן מעסער כּדי צו ציִען בלוט.